# Metronidazole און clindamycin אנווייזונגען פאר פארטנער מיט א פעניס

## וועגן

באקטעריאל וועדזשינאסיס (bacterial vaginosis, BV) פארטנער באהאנדלונג האט אויפגעוויזן צו פארבעסערן BV היילונג און רעדוצירט אנטצינדונגען פון צוריקקומען.

פארטנער באהאנדלונג נעמט אריין א צוזאמשטעל פון:

- **א טאבלעט** - א אנטיביאטיק וואס מען נעמט דורכ'ן מויל וואס הייסט metronidazole און
- **א קריעם** - א אנטיביאטיק וואס הייסט clindamycin

די טאבלעטן רייניגן די BV-באקטעריע פון אין די יורעטרע (די טוב דורך וועלכע די יורין פליסט אדורך) און די קריעם רייניגט די BV-באקטעריע פון די הויט פונעם פעניס.

## אנווייזונגען פאר די טאבלעטן



נעמט איין טאבלעט אינדערפרי און איין ביינאכט פאר 7 טעג. די טאבלעטן זאלן גענומען ווערן מיט עסנווארג.

## אנווייזונגען פאר די קריעם

שמירט די קריעם אינדערפרי און ביינאכט פאר 7 טעג. אויב איר פלאנט צו נעמען א שויער, ביטע שמירט די קריעם נאכן שויער וויבאלד די וואסער וועט אראפוואשן די קריעם. **פאלגט אויס שריט 1-5.**

1.



קוועטשט א ליניע פון קריעם פון די שפיץ פון אייער פינגער ביז די ערשטע קנייטש, ווי אנגעוויזן

2.



אויב איר האט פאר-סקין (פאדערשטע הויט), שלעפט עס צוריק איידער שמירן די קריעם

3.



רייבט די קריעם אויף די הויט פון די קאפ פונעם פעניס, פארדעקנדיג די גאנצע קאפ פון די אויבערשטע טייל פונעם פעניס ביז די גראוו גלייך אונטער די קאפ

אדאפטירט מיט ערלויבעניש פון די Melbourne Sexual Health Centre (מעלבורן סעקסואל געזונט צענטער).

.4



קוועטשט א צווייטע ליניע פון קרעם פון די שפיץ פון אייער טייטל פינגער ביז די ערשטע קנייטש

.5



רייבט די צווייטע ליניע פון קרעם פון די גראוו אונטער די קאפ פונעם פעניס ביז אונטן, מאכנדיג זיכער צו באדעקן די גאנצע טייל. רייבט די קרעם איידעלערהייט אריין אינעם סקין.

ווידעא אנווייזונגען

מער אינפארמאציע

## זיכערהייט אינפארמאציע

סיי metronidazole and clindamycin זענען גענוצט געווארן פאר אסאך יארן צו באהאנדלען מענטשן מיט א ווערדזשיינע וואס האבן BV. ביידע אנטיביאטיק זענען פארזיכערט אן באדייטנדע זייטיגע ווירקונגען פאר מענטשן מיט א פעניס.

טייל מענטשן וואס נעמען metronidazole קענען האבן די פאלגנדע זייטיגע ווירקונגען:

- מילדע קאפ ווייטאג
- איבלונג
- מעטאלענע טעם

עס איז וויכטיג **נישט צו טרונקען קיין אלקאהאל** פאר די 7 טעג וואס איר נעמט **metronidazole**, וויבאלד עס קען ווירקן אויף די מעדעצין.

א קליינע צאל פון מענטשן קענען האבן מילדע רויטקייט אדער קראצעניש אויף די פעניס הויט פון די **clindamycin קרעם**. געווענליך טוט עס נישט פאדערן צו אויפהערן נוצן די קרעם.

## וויכטיג

- עס איז וויכטיג **נישט צו פארפאסן קיין דאזעס פון סיי די קרעם אדער די טאבלעטן דורכאויס די 7 טעג.** אויב איר פארגעסט צו נעמען א דאזע, נעמט ווייטער די אנטיביאטיק צוויי מאל א טאג ביז איר ענדיגט זיי.
- אויב מעגליך, נעמט די מעדעצין די זעלבע טעג וואס אייער פארטנער נעמט זייער מעדעצין.
- ביטע **פארמיידט אלע געשלעכטליכע באציאונגען** ביז ביידע פארטנערס האבן פארענדיגט די באהאנדלונג צו פארמיידן די באקטעריע פון ווערן אויסגעטוישט צווישן די פארטנער און פון די BV צוריקצוקומען. דאס איז די געווענליכע פראקטיק פאר פארטנער באהאנדלונג מיט אנטיביאטיק. אויב איר האט א פעניס-ווערדזשיינע געשלעכטליכע באציאונגען, ביטע נוצט א קאנדאם און זייט אויפמערקזאם אז קרעם וואס איז לעצטנס געווארן ארויפגעשמירט קען לויז מאכן לעיטעקס קאנדאמס.

אויב איר האט סיי וועלכע סימפטאמען איבער וואס איר זענט באזארגט ווען איר נעמט די אנטיביאטיק, ביטע רעדט מיט אייער דאקטאר

NYC Health

MSHC MELBOURNE SEXUAL HEALTH CENTRE Part of AlfredHealth